ה. כרגיל אויף לערנען א רש"י און שטעלן זיך אויף דעם וואס רש"י איז ניט מפרש, איז אין היינטיגע סדרה דא א דבר פלא וואס כמה מפרשים שטעלן זיך אויף דעם, און רש"י איז אויף דעם גארניט מפרש, און דאס איז: בשעת עס ווערט דערציילט ווי יוסף האט זיך מגלה געווען צו זיינע ברידער, איז גלייך נאך דעם וואס ער האט געזאגט "אני יוסף", האט ער געפרעגט "העוד אבי חי",

וואס דאס איז אינגאנצן ניט פארשטאנדיק,

א) לאחר זה וואס יהודה האט זיך אויפגעגעסן די הארץ, און האט יוסף׳ן דערציילט ווי יעקב האט ניט געוואלט שיקן בנימין קיין מצרים, און אויב ער וועט אוועק גיין פון אים איז "ועזב את אביו ומת", און דאס האט יוסף׳ן דערנומען, און ביז דאס האט גע׳פועל׳ט "לא יכול יוסף להתאפק גו׳", איז נאך די גאנצע אריכות פרעגט ער "העוד אבי חי?! דער גאנצער סיפור הדברים רעדט זיך אז יעקב לעבט נאך!

עס זיינען דא מפרשים וואס ענטפערן, אז יוסף האט געפרעגט אזא שאלה ווייל ער האט געוואלט באווארענען אז עס זאל ניט זיין "נבהלו מפניו" האט ער זיי געפרעגט סתם א שאלה בכדי ליכנס עמם בדברים, און רש"י האט שוין געלערנט מיטן בן חמש למקרא אז מען זאגט אמאל א ענין - אפי׳ אז מען דארף ניט - נאר בכדי ליכנס בדברים, און דאס איז ביי "איכה", וואס דער אויבערשטער האט דאס געזאגט צו אדם הראשון בכדי "ליכנס עמו בדברים", נאר עס האט ניט געהאלפן - "נבהלו מפניו", האט ער געדארפט זוכן אנדערע מיטלען, און דערפאר האט יוסף געזאגט "גשו נא אלי וגו׳",

מען קאן אבער ניט אנעמען דעם פי׳ אין פשוטו של מקרא, ווארום אויב אזוי וואלט יוסף געדארפט פרעגן וועגן אן אנדער זאך, ער וואלט געקענט פרעגן וואס מאכן נשיהם וילדיהם וכו׳, און נאך וואס האט ער געדארפט פרעגן וועגן א זאך וואס מען האט אט ערשט גערעדט וועגן דעם?

ב) אויב ער פרעגט שוין יע "העוד אבי חי", איז פארוואס האט ער ניט געווארט אויף אן ענטפער? נאך דעם וואס ער האט געפרעגט די שאלה האט יוסף ממשיך געווען וועגן ברענגען יעקב צו מצרים און שיקן עגלות וכו׳, און מ׳געפינט ניט אז זיי האבן אים געענטפערט אויף זיין שאלה?

ג) וואס איז דער קשר והמשך פון "אני יוסף" מיט "העוד אבי חי"? דאס איז דאך צוויי באזונדערע ענינים, וואלט געדארפט שטיין פריער אז "אני יוסף", און נאך דעם וואלט געדארפט שטיין באזונדער "העוד אבי חי"? און וויבאלד אז די צוויי ענינים שטייען צוזאמען, איז א הוכחה אז זיי זיינען ביידע פארבונדן.

וכמדובר כמה פעמים אז די אלע ענינים דארפן זיין מוכרח ומובן אין פשטות הכתובים וכפי שיתבאר לקמן.

ו. בנוגע דעם ענין אין רש"י, איז דער ביאור אין דעם (בכללות): דאס וואס עס שטייט "העוד אבי חי", איז דער ה"א מיינט ניט אז דאס איז א לשון של שאלה (אז ער פרעגט א שאלה און וויל אן ענטפער), נאר דער ה' איז א לשון פון תמי',

און דאס האט דער קינד שוין פריער געלערנט, ווי עס שטייט "השומר אחי אנכי" (בראשית ד,ט), און רש"י זאגט דארטן, אז דער ה' איז "לשון תמי'" (ניט ער פרעגט צי ער איז א שומר אחי צי ניט נאר ער זאגט (בלשון של תמי') – צו דען בין איך א שומר אחי?!) ועד"ז אין תולדות שטייט אויך אזא לשון – "הברכה אחת לך אבי", און רש"י איז מפרש אז "ה"א זו משמשת לשון תמי'", (ניט ער פרעגט אויב יצחק האט נאר איין ברכה צי ניט, נאר ער זאגט (בלשון תמי') היתכן אז "ברכה אחת לך אבי?! ער וויל אויך א ברכה!) ועד"ז פאר דעם שטייט "הלא אצלת לי ברכה", וואס אויך דארטן איז דער פי' אז דער ה"א מיינט א לשון של תמי', אז היתכן אז איך זאל ניט קריגן א ברכה,



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ד א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 273 הודפס ע"י א

דו האסט דאך מיר צוגעזאגט א ברכה?!

עד"ז בנוגע צו "העוד אבי חי": דאס איז ניט קיין שאלה (צי יעקב לעבט צי ניט), נאר דאס איז א לשון של פלא, עס איז א תמי' אז יעקב לעבט נאך. [נאר פריער, בנוגע צו "השומר אחי" און להברכה אחת", איז דער אויספיר פון דעם תמי' אויף ניט, (אז ער איז ניט קיין "שומר אחי", און יצחק האט מער ווי "ברכה אחת"); משא"כ דא, איז דער אויספיר פון דעם תמי' אויף יע, אז ס'איז טאקע "עוד אבי חי", ע"ד ווי "הלא אצלת לי ברכה", וואס דארט איז אויך דער אויספיר אויף יע, והיינו אז יצחק האט דיבער מער איס א ברכה, אבער בכללות זיינען אלע גלייך אז דער ה"א איז בלשון תמי', ניט בל' שאלה],

וואס איז אזוי דער פלא אז "אבי חי"? איז דער תירוץ, ווייל "אני יוסף", ובמילא איז א וואונדער אז "עוד אבי חי", לכאו' - וואס איז די שייכות פון דיביידע ענינים?

האט דאס רש"י שוין פריער באוואָרנט: עה"פ "וימאן להתנחם", זאגט רש"י אז "אין אדם מקבל תנחומין על החי וסבור שמת, שעל המת נגזרה גזרה שישתכח מן הלב ולא על החי", און דעריבער איז געווען דער "ויתאבל על בנו ימים רבים",

און דאס האט יוסף געזאגט: היות אז "אני יוסף", אז יוסף לעבט, ובמילא האט יעקב ניט מקבל געווען קיין תנחומין, אויב אזוי איז צוויי און צוואנציק יאר וואס יעקב איז זיך מתאבל אויף מיר, איז א פלא אז ער לעבט נאך!

יוסף האט דאך ניט געוואלט סתם דערציילן נפלאות אז יעקב לעבט נאך, איז וואס איז דא געווען נוגע אז יוסף זאל דערציילן דעם פלא אז "אבי חי"?

נאר דאס האט יוסף געזאגט אלץ א הקדמה צו דעם וואס ער האט געוואלט זאגן נאך דעם, וואס שפעטער האט ער געבעטן אז זיי זאלן זיך צואיילן און אראפברענגען יעקב'ן קיין מצרים, איז בכדי מרגיש זיין פארוואס עס דארף זיין "מהרו ועלו אל אבי גו'", האט ער מקדים געווען אז "העוד אבי חי" - ס'איז א פלא אז ער לעבט נאך, איז דעריבער מוז מען זען אים אראפברענגען וואס שנעלער, אז זיי זאלן זיך צוזאמענטרעפן, ווארום יעדער מינוט וואס ער לעבט איז א פלא, ובמילא מוז מען זיך צואיילען - "מהרו ועלו אל אבי", און "רדה אלי אל תעמוד",

יוסף האט געוואוסט אז ווען ער וועט מציע זיין די שבטים אז יעקב זאל קומען קיין מצרים, וועלן זיי אים גלייך ענטפערן: דו ביסט אזא געטרייע קינד, און דו טענה'סט אז יעדער מינוט איז נוגע, איז נעם און פאר צו אים כנען און טרעף זיך מיט עם! ובפרט אז מצרים איז געווען א ירידה לגבי א"י, ווי יוסף האט אליין געזאגט "מהרו ועלו אל אבי", און מ'האט געדארפט אוועקנעמען יעקב'ן פון ארץ מגורי אביו, און דערצו מיט זיין גאנצע משפחה און מקנה וכו' וואס דאס איז א גאנצע טירחא, און יעקב איז דאך דעמאלט געווען א זקן, משא"כ יוסף איז געווען א יונגער, מערניט ווי נאך און דרייסיג יאר, דארף יוסף גיין צו יעקב'ן!



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ד א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 274 הודפס ע"י או

אוצר החכמה

און אויף דעם האט זיי יוסף געזאגט, אז וויבאלד דער ענין דארף זיין אין אן אופן פון "מהרו", און ס׳איז דא צוויי אופנים ווי יוסף מיט יעקב זאלן זיך טרעפן, אדער יוסף זאל גיין צו יעקב׳ן אדער יעקב זאל גיין צו יוסף׳ן, און וויבאלד אז יוסף איז געווען דער מושל אין מצרים, און "משביר בר לכל הארץ", (און דאס טוט ער ניט וויל ער וויל אזוי, נאר "שמני אלקים לאדון"), איז בכדי ער זאל מסדר זיין אז ער זאל קענען זיין צו יעקב וואלט עס געדויערט חדשים לאנג, דעריבער האט ער זאגט אז (וויבאלד עס דארף זיין באופן של מהרו) זיי זאלן גלייך גיין צו יעקב, און אים בעטן אז ער זאל קומען וואס שנעלער, [וואס מיט דעם איז פארשטאנדיק א דבר פלא: ווי קומט עס אז יוסף האט זיך ניט אפגעזאגט פון זיין אמט בכדי צו גיין צו יעקב? פאר אזא געטרייע זון ווי יוסף וואלט עס ניט געווען קיין שווערע זאך? נאר וויבאלד אז שמני אלקים, האט ער געמוזט בלייבן, און דעריבער האט ער געבעטן אז יעקב זאל קומען צו אים],

מען קאן אויך מסביר זיין דאס וואס ער האט געדארפט זיין דער "מהרו" מצד אן אנדער טעם, און דאס איז: דש"י האט פריער מבאר געווען אז דאס וואס יעקב איז נענש געווארן מיט יוסף, איז דאס געווען וויל יעקב האט ניט מכבד געווען אביו כ"ב שנה, דעריבער האט אים דער אויבערשטער מעניש געווען מיט יוסף כ"ב שנה, ולפי זה, בשעת יוסף האט געזען אז די כ"ב שנה האבן זיך שוין געענדיקט, האט ער געזאגט צו די שבטים אז איצטער דארף יעקב מער ניט האבן קיין עונש, במילא איז א שאד יעדער מינוט וואס ער האט א עונש אומזיסט, ובמילא זאל מען אים וואס פריער מודיע זיין.

ולפי"ז איז אויך פארשטאנדיק דאס וואס יוסף האט געזאגט "העוד אבי חי", דלכאורה - ער רעדט דאך צו די שבטים, האט ער געדארפט זאגן העוד אבינו חי? נאר יוסף האט מיט דעם געוואלט זאגן, אז וויבאלד אז די שבטים האבן מקיים געווען במשך די כ"ב שנה כיבוד אב דארף ניט זיין דער "מהרו", אבער היות דאס איז "אבי" און ער דארף מקיים זיין כיבוד אב, ועד"ז מצד יעקב פעלט אים דעם ענין ווארום "בן זקונים הוא לו", דעריבער האט ער געמאנט אז מען זאל וואס שנעלער אראפברייינגען יעקב׳ן.